493436

ČENZURAT.


# BINEVESTITORUL

# המבשר טוב

א בלאט וועגען רעליגיאן און מאראל.

„מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום, מבשר טוב ומשמיע ישועה...

(ישעיה נ״ב, 7).

לכו אל-כל-העולם וקראו את הבשורה לכל-הבריאה...

(ברית החדשה: מרכ ט״ז 16).

„ווי ליבליך זענען אויף די בערג די פיס פון די מבשרים, וואס גיבן צו הערן וועגן שלום, פרעדיגן גוטעס, גיבן צו הערן די ישועה...״

(ישעיה נ״ב 7).

„געהט אין דער גאנצער וועלט און זאגט די בשורה אללע קרעאטור...״

(ברית החדשה: מרק ט״ז 16).

No. 5—6. 1928. קישינעוו.


## איגהאלט:


1. הכרת פניהם
2. ירושלים (שיר)
3. איהר מענער
4. פאר קינדער און יוגענד
5. פראגען פאר אידען
6. דער קלאוויר (פיאנע)


## הכרת פניהם ענתה בם.

(ישעיה, ג 9,)

ווי דער איד זאל זיך ניט בעאלטען און זיך איבערפארבען קען ער דאך ניט פארבארגען זיין פנים, וועלכעס זאגט אויס דעם אמת. די אידי־שע געשיכטע זאגט אונז, ווי מעהרערע מאל האט דער איד געדאכט: מיר וועלן אויך זיין אזוי ווי אלע פעלקער (והיינו גם אנו: ככל הגויים), אבער ס׳געהט ניט. דאס האב איך באמערקט, ווען איך בין געווען יעצט אין די לענדער, פון וועלכע אונזערע אידען דערציילען גליקען, און זענען זעהר צופריד דען וואס דער איד האט דארט אלע רעכטע, אין אמעריקע, ענגלאנד. ווי לעבט זיך נאך בעסער דער איד א גוטען טאג ווי אין אמעריקע? מ׳לויפט פון אלע לענדער קיין אמעריקע, ווי מ׳דיינקט, שארען געלד מיט לאפעטעס. איך האב מיך דארט צוגעקוקט צו די, וואס האבען שוין דערגרייכט דאס ערווארטעטע גליק, מ׳פארדינט גוט די דאלארען, מ׳האט א הויז, אין הויז האט מען פערשידענע זאכען, ווי פאטעפאנען, פיאנעס,

ראדיא, מ׳יאגט ארום אויף אויטאמאבילען, מ׳באזוכט די בעסטע טעאטערן וכדומה. אויסערליך זעהט אוים גאנץ נישקשה; ניט נאר בארד און פאות, נאר אויך די שנורבארדן (װאנסעס) װענען איזעסגענומען, באלד, באלד כמעט שוין װי אן אמעריקאנער, נאר דאס פנים זאגט: ס׳איז דאך דער גלות-איד, דער נע-ונד׳ניג, נעביך, װי קין. דער „אות" (צייכען) װאס ס׳איז אויף אים זאגט, אז אויף זיין געזיכט ליגט א זינד, װעלכע ער שלעפט מיט זיך אין אלע לענדער. און מ׳קען זאגען װידער און װידער צום אידען אין פערשידענע אינזיכטען: „אפילו װען דו װאלסט זיך װאשען מיט לויג און מעהרער מיט זייף, דאך איז דיינע זינד באפלעקט פאר מיר" (ירמיה, ב׳) גאט זאגט כי אם תכבסי בנתר ותרבי לך בורית, נכתם עונך. דיינע זינד ישראל ליגט דאך אויף דיר. קיינע בירגערשע רעכטע, קיינע טעכנישע ערפינדונגען וכדומה קענען דיך, ליבער אידישער ברודער און שוועסטער, ניט בעפרייען פון דיינער זינד װאס דו האסט געטהון כנגד גאט ומשיחו. די פערשידענע לענדער און שטעט, די „ערי מקלט" װי דו דענקסט זיך פארבארגען, אפילו ארץ־ישראל אליין, װעלען דיך ניט בעפרייען פון דעם גלות החטא. נאר װען דו װעסט אנערקענען דיין זינד, װי אמאל יוסף׳ס ברידער, „אבל אשמים אנחנו על אחינו", „מיר זענען אבער שולדיג פאר אונזערען ברודער", װען װעסט בעקענען, װאס האסט געטהון אקעגען דיין ברודער, אקענען דעם משיח ישוע, נאר דענסמאל װעסט דו זיך בערוהיגען און זיך בעפרייען פון דער קללה פון דער תוכחה, װייל דורך אמונה אין דעם פון גאט געשיקטען משיח ישוע, קענסטו זיך בעפרייען פון אלע זינדען, אין װעלכע דו געפינסט זיך און װעלכע זענען דער רעזולטאט פון יענער הויפטזינד.

מיר מאמינים בישוע המשיח טרייסטען זיך יעצט, װאס מיר זעהן די סימנים פון די „אחרית הימים" (לעצטע צייט) און גלויבען, אז ס׳װעט גיך מקוים װערען גאט׳ס הבטחה (פון הושע ג׳), אז די בני ישראל װעלען זיך אומקערען און גאט אויך דעם משיח בן דוד זוכען. גאט זיי דאנק װאס, װי אין אנדערע לענדער, אזוי אויך דא ביי אונז זענען מעהרערע אידען, װעלכע האבען שוין יעצט אנערקענט דעם טעות און װעלכע די פירערס, די „מאשרים" (ישע׳ ג׳), האבען אונזער פאלק ארייגעפירט. מיר האבען זיך שוין יעצט בעקערט צו גאט בתשובה שלמה און דורך דעם זכות פון דעם קרבן ישוע המשיח זענען מיר בעפרייט געװארען פון דעם גלות החטא. און כאטש אונזערע אידישע ברידער זענען אונז פיינד און רעדען אויף אונז פערשידענע רכילות, נאר מיר ליבען אונזער אידיש פאלק מיט אמת׳ע גאט׳ס ליבע און זענען ערנסט מתפלל פאר כל ישראל, נאך דעם ביישפיל פון אונזער משיח צדקנו: „אבי, סלח להם כי אינם יודעים מה הם עושים" — פארגיב זיי, פאטער, װייל זיי װייסען ניט װאס זיי טוהן. — מיר ערװארטען זיכער מיט אמונה, װען נאך דער טריבזאל־צייט, „עת צרה ליעקב", נאך אלע ליידען פון ישראל איבער זייערע זינד, װעט אויך קומען די פילע הילף „וממנה יושע" במהרה ובימינו. אמן.

ל. א.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# איהר מענער פון ישראל הערט צו דיזע װערטער!

און אין דעם טאג פון שבועות האבען זיי זיך אלע פערזאמעלט אויף איין ארט. און עס איז פלוצלינג געװען א קול פון דעם הימעל, אזוי װי פון דעם רוישען פון א שטארקען װינד, און ס׳האט אנגעפילט דאס גאנצע הויז װאו זיי זענען געזעסען. און עס האבען זיך צו זיי בעװיזען צושפאלטענע צונגען אזוי װי פון פייער, און זענען אויף איטליכעם פון זיי גערוהעט. און זיי זענען אלע אנגעפילט געװארן מיט דעם רוח הקודש, און האבען אנגעהויבען צו רעדען מיט אנדערע לשונות, אזוי װי דער רוח האט זיי געגעבען אויסצושפרעכען.

און דא זענען אין ירושלים געװעזען פרומע אידען, פון איטליכען פאלק אונטער דעם הימעל. און װען דיזער שם איז ארויסגעגאנגען, אזוי איז פיל פאלק צוזאמענגעקומען, און זענען ערשטוינט געװארען, װארין איטליכער האט זיי געהערט רעדען אין זיין אייגענעם לשון. און זיי זענען אלע ערשטוינט און פערװאונדערט געװא-

רעדן, און האבען געזאגט, זענען ניט אלע דיזע וואס רעדען פון גליל ? און ווי אזוי הערען מיר איטליכער אין זיין אייגענעם לשון אין וועלכעם מיר זענען געבוירען ? פרתיים און מדים און עילמים, און איינוואוינער פון ארם נהרים, יהודה און קפודקיה, פאנטוס און אסיא, פרוגיא און פמפיליא, מצרים און אין די טהייל פון ליביא וואס איז ביי קוריני, און אויסלענדער פון רום, אידען און גרים, כרתים און אראבער, מיר הערען זיי רעדען אין אונזערע לשונות די גבורות פון גאט. און זיי זענען אלע ערשטוינט און פערטומעלט געווארען. און האבען איינער צו דעם אנדערען געזאגט, וואס זאל דאס זיין ? און אנדערע האבען געשפעט און געזאגט, זיי האבען זיך אנגעשכור'ט מיט זיסען וויין.

אבער פעטרוס איז אויפגעשטאנען מיט די עלף תלמידים, און האט זיין קול אויפגעהויבען און האט צו זיי געזאגט, מיינע אידישע ברידער, און אלע וואס וואוינען אין ירושלים, לאז אייך דאס בעוואוסט זיין, און הערט צו מיינע ווערטער. ווארין דיזע זענען ניט שכור אזוי ווי איהר מיינט, ווארין עס איז די דריטע שעה פון דעם טאג; אבער דאס איז יענעס וואס איז געזאגט געווען דורך יואל הנביא, (קאפ. ג).

„און עס וועט זיין אין די לעצטע טעג, זאגט גאט, איך וועל אויסגיסען מיין גייסט אויף אלעם פלייש, און אייערע זיהן און אייערע יונגע לייט וועלען זעהונגען זעהען, און אייערע אלטע לייט וועלען חלומות חלומ'ן; און אויף מיינע קנעכט און אויף מיינע דינסטמעדען וועל איך אין דיזע טעג פון מיינעם גייסט אויסגיסען, און זיי וועלען נבואות זאגען. און איך וועל וואונדער בעוויזען אים הימעל פון אויבען, און צייכען אויף דער ערד פון אונטען, דם ואש ותמרות עשן. די זון וועט צו פינסטערניס פערקעהרט ווערען, און די לבנה צו בלוט, איידער דער גרויסער און פארכטיגער טאג פון דעם האר'ן וועט קומען. און עס וועט זיין אז איטליכער וואס וועט אנרופען דעם נאמען פון דעם האר'ן וועט גערעטעט ווערען"

איהר מענער פון ישראל, הערט צו דיזע ווערטער, ישוע הנצרי, א מאן וואס איז צו אייך בעוויזען געווען פון גאט מיט גבורות און וואונדער און צייכען, וואס גאט האט דורך איהם, צווישען אייך געטהון, אזוי ווי איהר אליין ווייסט. דער איז דורך די עצה און צופארזעהונג פון גאט איבערגעגעבען געווארען, האט איהר דורך די הענט פון אונגערעכטע מענער געקרייציגט און אומגעבראכט; וועלכען גאט האט אויפגעוועקט, און ער האט אויפגעבונדען די וועהטיגען פון דעם טויט, ווארין ס'איז ניט מעגליך געווען אז ער זאל פון איהם געהאלטען ווערען. ווארין דוד האט אויף איהם געזאגט: איך האב דעם האר'ן בעשטענדיג פאר מיר פארגעזעצט, ווארין ער איז צו מיינע רעכטע האנד כדי איך זאל ניט בעוועגט ווערין. דרום האט זיך מיין הארץ געפרייעט, און מיינע צונג איז פרעהליך געווען, און אויך מיין פלייש וועט אין זיכערהייט רוהען, ווארין דו וועסט ניט לאזען מיינע זעלע אין שאול, און וועסט ניט צוגעבען אז דיין הייליגער זאל פערדארבניס זעהען. דו האסט מיר צו וויסען געטהון דעם וועג פון לעבען, דוא וועסט מיך מיט פרייד דערפילען פון דיין אנגעזיכט.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

איהר מענער און ברידער, איך מעג פריי צו אייך רעדען וועגען אונזער פאטער דוד, אז ער איז געשטארבען און בעגראבען געווען, און זיין קבר איז מיט אונז ביז צום היינטיגען טאג. דרום ווייל ער איז א נביא געווען, און האט געוואוסט אז גאט האט צו איהם מיט א שבועה געשווארען אז ער זאל פון דער פרוכט פון זיינע לענדען אויפשטעלען אויף זיין טרון; אזוי האט ער צופאר געזעהען און האט וועגען תחית המת'ים פון משיח גערעט, אז ער איז ניט געלאזט געווען אין שאול, און זיין פלייש האט ניט קיינע פערדארבעניס געזעהען. דיזען ישוע האט גאט אויפגעוועקט, דרויף מיר אלע זענען עדות. דרום איז ער פון די רעכטע האנד פון גאט דערהייכט, און האט פון דעם פאטער די הבטחה פון דעם רוח הקודש דערהאלטען, און האט דאס אויסגעגאסען וואס איהר זעהט און הערט. ווארין דוד איז ניט ארויפגעגאנגען אים הימעל, אבער ער האט זעלבסט געזאגט, דער האר האט צו מיינעם האר'ן געזאגט, זיץ דוא

צו מיינע רעכטע האנד, ביז איך וועל דיינע פיינד מאכען פאר א פוסבענקעל צו דיינע פיס. דרום זאל דאס גאנצע הויז פון ישראל זיכער וויסען, אז גאט האט דיזען ישוע דעם איהר האט געקרייציגט, פאר א האר׳ן און משיח געמאכט.

(געשיכטע פון די שליחים).

# ירושלים, ירושלים!

1.

דערקענסטו ניט דעם גואל דיין?
מיין פאטערס ליבע קום איך
דיר בעווייזען
פון זינדען וויל איך דיך ערלייזען
"אני האמת, דרך, היים".
ירושלים! ירושלים!

2.

א ווי פארשטאקט דיין הארץ מוז זיין
דו האסט געשטייניגט די נביאים
געטייטעט גאטעס הייליגע ברואים,
פארווארפען דעם מקור מים חיים,
ירושלים! ירושלים!

3.

ווילסט תמיד אין דער פינסטער זיין?
דאס ליכט האט גאט צו דיר געשיקט,
דאך האט דיין אויג עס ניט דערבליקט,
עסווארפט אויף דיר זיין העלען שיין.
ירושלים! ירושלים!

4.

הויב אויף דעם בליק צום גואל דיין
דיין גואל, זעה, ער שטעהט און וויינט
ווי איז דיין הארץ אזוי פערשטיינט:
געדענק די צרות פון מצרים,
ירושלים! ירושלים!

5.

ניט לאנג וועט ציון זיין דיין היים,
דו ווילסט דיין גואל׳ס שטים
ניט הערען
דו ווילסט דיך ניט צו גאט בעקערען
באלד וועסטו פערלאזען דיין היים,
ירושלים! ירושלים!

6.

דו קענסט אזוי ניט גליקליך זיין,
עס וועלען אנדרע צייטען קומען,
ווען גאט זיין פאלק האט אנגענאמען
א, הערליך איז די צוקונפט דיין!
ירושלים! ירושלים!

מרים אווערבאך.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# דאס בלאט פון קינדער און דעם יוגענד.

## די גלויבע.

א קליין אינגעלע איז געלערענט געווען פון זיין מוטער ער זאל מתפלל זיין צו גאט פאר אלעס. א טאג איז געקומען צו זיי צו גאסט איין מאן. פלוצלינג איז אים עפיס שלעכט געווארען און ער האט געוואלט געהען אהיים. ווען ער איז שוין געווען גרייט צום אוועקגעהען, האט ער געזאגט דער גאנצער פאמיליע „אויף ווידערזעהען". און האט צוגעלייגט: „בעטעט פאר מיר". ווי דאס אינגעלע האט דערהערט דיזע ווערטער האט ער זיך אליין גיך אויפגעהויבן אויפן לייטער און האט דארטן מתפלל געווען פאר דעם קראנקן גוטען פריינד.

אבענד, ביי דער געבעטשטונדע פון דער פאמיליע, האבען די פאטער און מוטער צוזאמען אויך מתפלל געווען פאר אים. ווען זיי האבען געענדיגט דאס געבעט, האט דאס אינגעלע געזאגט: „מאמע, איצט איז אים שוין בעסער; דו ווייסט נישט מאמע, אז איך האב מתפלל געווען פאר אים? איך ווייס גוט, אז ס'איז אים שוין בעסער". שפעטער איז מען טאקי געוואהר געווארען, אז ס'איז איהם טאקע בעסער געווארען.

אויף אזא מין אופן וויל גאט, אז מיר זאלען מתפלל זיין; ער וויל, אז מיר זאלען גלויבען אז ער איז דא און אז ער גיבט שכר צו דיזע וועלכע זוכען איהם אייפריג.

## פראגען פאר אידען.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

(פארטזעצונג פון No. 1—2)

### פראגען איבער דעם תהלים.

דער תהלים איז ביי אידען זעהר הויך געשעצט און זעהר פיעל געלעזען. דער פרומער איד זאגט תהלים אלס תפלה יעדען טאג, און פיעלע גאטעס פירכטיגע מענשען בעטראכטען עס אלס פליכט דורך צו זאגען דעם גאנצען ספר תהלים יעדע וואך. די בעדייטונג דאפון דארף דאפיר גאנץ אינטערעסאנט זיין יעדען איינעם פון אונז.

### תהלים ב'.

דער מזמור איז גאנץ בעקאנט צו אונז, און פיעלע קענען עס אויסענווענינ. וואס איז אבער די בעדייטונג דאפון? אויף וועמען רעדט עס? דער צווייטער פסוק שילדערט דאס די קעניגען און פירשטען שטעלען זיך און בעראטען זיך קעגען גאט און קעגען זיין משיח. נון, ווער איז דיזער משיח? דיזער פערזאן צו וועמען גאט זאגט: בני אתה אני היום ילדתיך — „דו ביזט מיין זוהן היינט האב איך דיך געבוירען"? קען עס מיט וואהרהייט געזאגט ווערען אויף איין ארדעניערען פערזאן דאס גאט האט איהם געבוירען? צו דיזען משיח איז עס אויך פערשפראכען דאס ער זאל ערבען ביז די ברעגען דער וועלט (אפסי ארץ). וואס פאר א קעניג פון די אידען האט געהערשט איבער דער גאנצער וועלט? און וואס פאר א גרויסער פערזאן דארף דיזער זיין, ווען די מלכים און שופטים פון דער וועלט ווערען אנגעזאגט דאס זיי זאלען איהם געהארכזאם זיין? קען עס זיין א פראסטער מענש דאס דוד זאל אויף איהם זאגען: אשרי כל חוסי בו — „וואהל איז די אלע, וועלכע פערזיכערען זיך אויף איהם"? דער נביא ירמיה זאגט: ארור הגבר אשר יבטח באדם ושם בשר זרעו — „פערפליכט איז דער מענש וואס פערזיכערט זיך אויף א מענשען און מאכט פלייש זיין ארם" (ירמיה י"ז, ה'). איז עס ניט א בעוויין דאס עס לייגט זיך אויס אויף דעם משיח? און דארפען מיר ניט געהארכזאם זיין צו גאט און זיך פערזיכערן אויף איהם פאר אונזער ערלייזונג?

(פארטזעצונג קומט)

# א קלאוויר אין דער קרייטשמע.

(פון מ. ריכטער).

עס האט א מאל א שענקער, וועלכער האט געהאלטען א קרייטשמע אין א דארף, ווייט פון דער שטאדט, געליינט אין דער צייטונג, אז אין דער שטאדט, אין דער און אין דער גאס איז דא צו פארקויפען ביליג א פיאן.

דער שענקער האט זיך געאיילט אין דער שטאדט אויסצוכאפען די מציאה. דעם שענקער האט דער פיאן ניט אזוי שטארק אויסגעפעלט, וויל ער האט שוין אין דער קרייטשמע געהאט א גראמאפאן, וועלכער פלעג אנמאכען א רעש און שטארק נערווירען די אוירען פון זיינע קליענטען, נאר וויל ער האט זיך פארקויפט זעהר ביליג, האט ער געוואלט אויסנוצען דעם מאמענט טראכטענדיג: אז עס איז שוין דא א גראמאפאן, זאל שוין זיין אויך א פיאן.

די שכנים פלעגען שעלטען דעם שענקער מיט קללות פון דעם גיהנם: „פארברענט זאל ווערען דער שענקער מיט דער קרייטשמע און מיט דעם גראמאפאן; איז עס ניט גענוג אז דער גראמאפאן רעש'ט מיט זיינע ווילדע קולות, און לאזט אונז ניט רוהען ביי טאג און ביי נאכט, דארף מען נאך האבען א פיאן, וועלכער זאל א גאנצען טאג קלינגען אין קאפ?

דער שענקער האט געבראכט דעם פיאן אין דער קרייטשמע, און עס האט זיך פאר אים אנגעהויבען א ניי לעבען. נאר עס איז כדאי צו וויסען ווי אזוי האט דער פיאן געלעבט ביז מע האט אים געבראכט אין דער קרייטשמע.

דער שענקער האט געקויפט דעם פיאן ביי אן אלמנה, וועלכע האט זיך זעהר גענויטיגט אין געלט און געמוזט פארקויפען דעם לעצטען שאץ — דעם פיאן. איהר מאן איז געווען א גרויסער קאמפאזיטאר, וועלכער איז זעהר געווען באַרימט אין זיין לאנד דורך די מוזיקאלישע אריען, וועלכע ער האט געשאפען אויף דעם דאזיגען פיאן. א דאנק דעם קאמפאזיטאר איז דער פיאן אליין אויך געווען בארימט. מע האט אים פיל כבוד אפגעגיבען.

דער קאמפאזיטאר פלעג אסאך מאל אפגיבען קאנצערט אויף זיין פיאן. ער פלעג אויסשטרעקען זיינע עדלע, פיינע פינגער אויף דעם קלאוויר און מיט געטליכער בעגייסטערונג מיט זיי באוועגען. דאס קלאוויר האט געמוזט פאלגען דעם קאמפאזיטאר'ס פינגער און ארויסגיבען זיסע הארמאנישע טענער, וועלכע פלעגען פארכשוף'ען דאס גאנצע אאודיטאריום. מיט גרויס דרך-ארץ פלעגען זיך די צוהערערס איינזינקען אין א טיפער שטילע, און זיך לאזען באהערשען אין זייערע הערצער פון דער פיינער מוזיק. אז דער קאמפאזיטאר פלעג פארטיג ווערען מיט דער מוזיק, פלעגען זיך שיטען בלומענקראנצען אויף דעם פיאן; תמיד פלעג מען אים אפגיבען א זא מין כבוד. דער קאמפאזיטאר פלעג זיך אנידערשטעלען אנשפארענדיג מיט דער האנד ביים פיאן, און לאנגע שורות פון צוהערערס פלעגען דורך געהן און מיט גרויס כבוד אים אפדאנקען פאר דעם קאנצערט.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

דער פיאן פלעג זיך שטענדיג געפינען ביים קאמפאזיטאר אין א גאנץ פיינעם סאלאן, אלע טאג פלעג מען אים פוצען און ער פלעג זיין זויבער ווי א שפיגעל, תמיד פלעג מען געפינען אויף אים זיס שמעקענדיגע בלומען, זייער ריח פלעג זיך צוזאמענגיסען אינאיינעם מיט די מנגינות, וועלכע פלעגען זיך לאזען הערען פון דעם קלאוויר. דער גליקליכסטער פון אלע פיאנען אין דער וועלט איז געווען דער פיאן ביי אונזער אלטען קאמפאזיטאר, אין זיין שענעם קאמפאזיטארישען סאלאן. נאר דער גאנג פון דעם גליקליכען לעבען האט זיך געענדערט און דער פיאן איז איבערגעפירט געווארען פון א קאמפאזיטארישען סאלאן אין א... קרייטשמע.

א רייכער מאן איז געווען דער שענקער. אין זיין דארף ער ניט געהאט קיין קאנקורענטען, זיין קרייטשמע איז געווען די איינציגע אין גאנצען דארף, דערפאר האט ער זיך פארגינען אז אין זיין קרייטשמע זאל זיך געפינען מוזיקאלישע אינסטרומענטען, ווי גיטארען און א גראמאפאן. ער האט ניט געהאט קיין מוזיקאלישע געפילען, זיינע קונים אויך ניט.

אז עס איז געקומען דער טאג, ווען ער האט געבראכט דעם פיאן, האבען אויף אים זיינע שכנים געקריצט מיט די ציין, ווייל זיי האבען געוויסט אז דער פיאן וועט קלינגען און וועט זיי ניט לאזען רוהען. די שכנים האבען זיך ניט אפגענארט. ווי אזוי מע האט נאר אראפגעבראכט דעם פיאן, האט זיך יעדער שכור אין דער קרייטשמע ערלויבט צוצוגעהן, עפענען דאס קלאוויר, און מיט זיינע גראבע פינגער אנהויבען צו קלאפען. דער פיאן האט ארויסגעלאזט ווילדע געשרייען, עס איז ניט געוועזן יענע זיסע מעלאדיען אין דעם קאמפאזיטארישען סאלאן, נאר דאס זענען געוועזן גראבע, ווילדע, ניט־הארמאנישע טענער. עס האט זיך געפילט אין זיי בעסטיאלע געפילען פון דעם שכור׳ס פינגער.

אין דער קרייטשמע האט דער פיאן פארלוירען זיין גלאנץ, דארט האט מען אים קיין מאל ניט געפוצט. עס איז אוועקגעגאנגען אסך יארען, דער שטויב איז אויף אים געפאלען, נאר קיינער האט אים ניט אפגעווישט. מע פלעג אויף אים אנידערשטעלען פלעשער מיט בראנפען, געזייערטע איגערקעס מיט פעפערליך, און אז זיי פלעגען ליגען פיל צייט פלעגען זיי ארויסגיבען א שלעכטען ריח, וועלכער פלעג זיך צוזאמענגיסען מיט די ווילדע בעסטיאלע טענער. עס איז ניט געוועזן דער אמאליגער ריח פון די זיסע געשמאקע בלומען אין דעם קאמפאזיטארישען סאלאן, עס איז געוועזן א קרייטשמעגעשטאנק.

עס האט אין דער קרייטשמע קיינער ניט געוויסט דעם פיאנ׳ס אמאליגע ביאגראפיע. מע האט נאר געוויסט זיין איצטיגע ביאגראפיע, זיין שלעכטען ריח פון בראנפען, געזייערטע איגערקיס און פעפערליך און זיינע ווילדע טענער, וועלכע פלעגען ניט לאזען רוהען די שכנים. און די שכנים פלעגען שעלטען: „פארברענט זאל ווערען די קרייטשמע, פארברענט זאל ווערען דער פיאן!”.

(פארטזעצונג קומט).

# „דאס לעבען אין בית־אל״.

הויך אינטערעסאנטע פערזאמלונגען זענען פארגעקומען אין מיססיאנ׳ס זאאל „בית-אל” אין משך פון אידישען און קריסטליכען פסח. רעדעס זענען געהאלטען געווארען וועגען דער ביבלישער בעדייטונג פון פסח, וועגען תחית ישוע המשיח פון היסטורישען און וויסענשאפטליכען שטאנד-פונקט. דער פארשטעהער פון דער מיססיאן האט דערצעהלט אייניגע אינטערעסאנטע אינצידענטען פון זיין רייזע און האט אויך פארגעטראגען וויאלין־סאלאס. דער ארקעסטער האט טייל גענומען אין דיזע פערזאמלונגען.

א יום־טוב פאר קינדער איז ספעציעל אראנזשירט געווארען און דאט פלאץ גענומען שבת חול המועד. די פראגראם איז מייסטענס ערפילט געווארען בא די קינדער אליין. א נאמער פון אינטערעס צווישען פילע אנדערע ברייגען מיר דא:

(איין אינגעל פרעגט דעם צווייטען).

חבר, איך וועל דיך פרעגען 4 קשיות. די ערשטע קשיא וועל איך דיך פרעגען: „מה נשתנה העם הזה מכל העמים”, פאר וואס איז פארענדערט געווארען דאס דאזיגע פאלק פון אנדערע פעלקער? דען אנדערע פעלקער האבען זייער מלך, דאס אידישע פאלק האט קיין מלך. די צווייטע קשיא וועל איך דיך פרעגען: פאר וואס האבען אנדערע פעלקער זייערע לענדער, אבער דאס אידישע פאלק איז אין גלות? די דריטע קשיא וועל איך דיך פרעגען: פאר וואס האבען אנדערע פעלקער שלום, אבער דאס אידישע פאלק האט פאגראמען? די פיערטע קשיא וועל איך דיך פרעגען: פאר וואס האבען די אנדערע פעלקער מיט וואס זיך צו באשיצן, אבער דאס אידישע פאלק איז גאנץ הפקר?

(דער צווייטער ענטפערט)

דער תירוץ אויף די קשיות איז: עבדים היינו לחטא ולשטן, קנעכט זענען מיר געוועזן צו דער זינד און צום שטן. האט גאט אונז געשיקט ישוע המשיח ער זאל אונז ערלייזען, אבער אונזער פאלק האט געפאלגט מענשען מעהר ווי

BCU Cluj / Central University Library Cluj

גאט און האט איהם פארווארפען. דאריבער איז ערפילט געווארען דאס וואס הושע הנביא האט געזאגט: „ימים רבים ישבו בני ישראל אין מלך ואין שר”. פילע טעג וועלען בלייבען די אידען אהן א מלך, און אהן אנ׳עלצטען אויך „ואתכם אזרה בגויים והריקותי אחריכם חרב”, „און איך וועל אייך פערשפרייטען צווישען די גויים און איך וועל ארויסציהען אויף אייך די שווערד”. ווען מיר וועלען זיך אומקעהרען צו גאט און אננעמען דעם משיח בן דוד וועלען מיר געהאלפען ווערען.

מיר ווילען חלילה ניט דאמיט זיך נאכקריי־מען, אדער שפאט מאכען פון דעם וואס ווערט טייער און הייליג געהאלטען ביי זא פיעלע, מיר ווילען נאר די קינדער ערציהען אין דער ריינער אטמאספער פון די כתבי קדש, אנשטאט דער דערשטיקענדער אטמאספער פון רביניזם אין א געוויסער מאס האבען מיר שוין אויך געזעהן די רעזולטאטען פון דער ארבייט. די ווענד פון פאראורטהייל ווערען ביסלעכווייז צובראכען און פילע קענען מיט פערגנוגען דיינקען ווענען דעם אנפלוס וואס דאס ווארט גאטעס האט געהאט איבער זייערע קינדער.

ברייגנט אייערע קינדער יעדען שבת 4 אזייגער אויף די טפעציעלע קינדער-פערזאמ־לונגען און צייגט זיך אליין איבער. י. ש. א.


# אין זאאל „בית־אל”, קישינעוו
מיעסטשאנסקאיא — (str. Wl. Herț. 10)

## דרשות און געזאנג וועגן גאט׳ס ליבע

**יעדען שבת 4 א זייגער און 7 א זייגער אבענד**

**יעדען זונטאג 8 א זייגער**

די דרשות ווערן אויך אילוסטרירט מיט ליכט־בילדער.

געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פוסהארמאניום און אנדערע אינסטרומענטן.

אין זאאל „בית־אל” איז אויך צו בעקומען חמשים תנ״ך, און אנדערע רעליגיעזע ביכער אויף זשארגאן, לשון־קודש, רוסיש, רומייניש.



**אבאנאמענטן פרייז: — יאהרליך 12 לעי, 6 חדשים 6 לעי.**

אלע אבאנאמענטן ערהאלטן די „ציונ׳ס־לידער” אומזיסט.

פיר אנדערע שטייט מיט 1 לעי מעהר

Adresa: Rédacția „Binevestitorul“ Expedit. N. Tarlev.

str. Wl. Herț. 10. Chișinău—Basarabia.

Redacția și Administrația: Mision. Englez. „Mildmay“, L. Awerbuch


BCU Cluj / Central University Library Cluj